№ 281 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאָדזשער טאָגעבּלאַט

22-טער יאהרגאַנג. | 4 grudnia 1929 r. | מיטוואָך, ב׳ כסלו תר״צ. | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אדמיניסטראַציע 10047.

# רעגירונג ווערט אפּוואַרטען מיט׳ן קאמף געגען סיים

## וויכטיגע בעשלוסען אויף דער קאָנפערענץ אין שלאָס

### עקספּאָזע פון פינאַנץ-מינ. אויף די ערשטע זיצונג פון סיים.—מאַרשאַלעק דאַשינסקי וועט האַלטען אַ ערעפנונגס-רעדע.—אונצוטרוי-וואָטום פאַר די רעגירונג

וואַרשאָ, 3. (טעל.)

אין שלאָס איז געווען פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון מלוכה-פּרעזידענט, מאַרשאַל פּילסודסקי, פּרעמיער שווימאַלסקי און דער פיהרער פון ב.ב., פּולק. סלאַוועק. עס איז בעשלאָסען געוואָרען דערווייל נישט אָנצוהויבען דעם קאַמף מיט׳ן סיים נאָר זיך צוזוקוקען, ווי אַזוי דער סיים וועט פיהרען די בודזשעט־דעבאַטע.

אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער פינאַנץ-מיניסטער מאַטושעווסקי זאָל האַלטען זיין עקספּאָזע וועגען בודזשעט אויף דער ערשטער זיצונג פון סיים.

היינט, מיטוואָך, קומט פאָר אַ זיצונג פון מיניסטעריען-ראַט, וואו עס וועט ענדגילטיג רעדאַגירט ווערען די עקספּאָזע פון מיניסטער מאַטושעווסקי.

וואַרשאָ, 3. (טעל.)

דער סיים-מאַרשאַלעק דאַשינסקי וועט האַלטען אַ גרויסע עפנונגס-זיצונג אויף דער ערשטער זיצונג פון סיים. ער וועט דערצעהלען אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען פון 5. נאָוו. ביז דעם 5. דעצעמבער, ד. ה. אין משך פון דער צייט, וואָס עס איז אָפּגעלעגט געוואָרען די סעסיע.

אויף דער ערשטער זיצונג וועט די אָפּאָזיציע אַרײַנטראָגען איהר פאָרשלאָג וועגען אַנצוטרוי צו דער רעגירונג.

וואַרשאָ, 3. (טעל.)

אין צוזאַמענהאַנג מיט די פערשידענע קלאַנגען וועגען מאַרגענדיגען טאָג אין וואַרשאָ, בעת דער עפנונג פון סיים האָט דער רעגירונגס-קאָמיסאַר פון וואַרשאָ ערקלערט, אַז עס זענען אָנגענומען געוואָרען אַלע מיטלען צו דערהאַלטען די רוה. קיין שום דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס וועלען נישט ערלויבט ווערען.

די פאָסט פון סיים וועט מאָרגען, דאָנערשטאָג זיין פערמאַכט.

## מיטגעפיהל-דעפּעשען פון פּוילישע פּאַרטייען צוליב׳ן טויט פון ד״ר רייך

### אַ גאַס אויפ׳ן נאָמען פון ד״ר רייך אין לעמבערג.

וואַרשאָ, 3. (טעל.)

די יודישע „קאָלאָ" האָט בעקומען מיטגעפיהל דעפּעשען צוליב׳ן טויט פון ד״ר רייך פון פ. פּ. ס., „ווידזוואָלעניע" און די פויערן-פּאַרטיי.

עס איז אויך אָנגעקומען אַ מיטגעפיהל-דעפּעשע פון מאַלער פּילניאַווסקי אין נאָמען פון די פּוילישע יודען אין ענגלאַנד.

לעמבערג, 3. (טעל.)

אויף דער היינטיגער זיצונג פון מאַגיסטראַט איז בעשלאָסען געוואָרען דעם אָנדענקען פון ד״ר רייך מיט אויפשטעהן. דער מאַגיסטראַט האָט בעשלאָסען אָנצורופען אַ גאַס אין לעמבערג אויפ׳ן נאָמען פון ד״ר רייך.

די פאַמיליע פון ד״ר רייך בעקומט טויזענדער מיטגעפיהל-דעפּעשען פון דער גאַנצער וועלט.

## היינט—טרויער-זיצונג נאָך ד״ר רייך

### אין דער ציוניסטישער וועלט-עקזעקוטיווע

לאָנדאָן, 3. (יט״א)

מאָרגען, מיטוואָך קומט פאָר אַ טרויער-זיצונג פון דער ציוני. עקזעקוטיווע געווידמעט דעם אָנדענקען פון לעאָן רייך. מיט טרויער-רעדעס וועלען אַרויסטרעטען ד״ר חיים ווייצמאַן און עס וועט געשאַפען ווערען אַ פאָנד אויף רייכ׳ס נאָמען.

## שפּאַלטונג ביי די כאַדעקן׳ס

פּויזען, (א. ח.) דער פיהרער פון די בידגאָשטשער כאַדעקעס יאַן טעסקע, אַ רעדאַקטאָר פון צוויי כאַדעקישע צייטונגען. איז אַרויסגעטרעטען פון דער פּאַרטיי, ערקלערענדיג, אַז ער קאָן נישט מיטאַרבייטען אין אַ בלאָק מיט די ליוקע געגען דער רעגירונג.

## מוֹרא׳דיגע שניי-שטורעמס אין אמעריקא

### 60 מענשען פערפרוירען געוואָרען אין טשיקאַגאָ

ניו-יאָרק, (ספּ.) אין די צענטראַלע און דרום-שטאַטען פון אַמעריקא הערשען איצט געוואַלדיגע שניי-שטורעמס און פרעסט, אַז מענשען פריהרען אין די הייזער, אין טשיקאַגאָ זיינען פערפרוירען געוואָרען 60 מענשען.

סאַנט-דזשאָן, (ניי פינלאַנד) (ספּ.) זייט 40 שעה הערשט שוין לענגס אויס דעם ברעג פון ניי-פינלאַנד אַ מוֹרא׳דיגער שטורם-ווינד, מען האָט שטאַרק מוֹרא פאַר די שיפען. וואָס געפינען זיך אויפ׳ן ים, אַז זיי זאָלען נישט דערטרונקען ווערען. אַ האָלענדישע שיף האָט אַרויסגעשיקט אַ פונקען-דעפּעשע, אַז זי האָט אָפּגעראַטעוועט 9 מענשען פון אַ צובראָכענער שיף, וועלכע איז אונטערגעגאַנגען 150 מייל ווייט פון סאַנט דזשאָן.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער טייערע און אונפערגעסענע מוטער, שוויגער-מוטער, גרויס-מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

נ״ע חי׳ לאה אשת ר׳ שמואל מאיר ז״ל שרין מבענדין

(געבוירענע פישעל) אין עלטער פון 75 יאהר

די לויה קומט פאָר היינט מיטוואָך, ב׳ כסלו תר״צ 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז, נאַוראָט 7, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די הינטערבליבענע פאַמיליע.

CZARY היינט די לאַנג ערוואַרטעטע פּרעמיערע!! CORSO

די גרעסטע סענסאַציע

די ארץ-ישראל געשעהענישען

די בלוטיגע געשעהענישען זענען פעראייביגט געוואָרען אויפ׳ן פילם!



דאָס קינד ביי דער ערמאָרדעטער מוטער

אויטענטישע אויפנאַהמען פון די בלוטיגע אַראַבישע שחיטות אין חברון, צפת, ירושלים אין די פערוויסטונגען אין די יודישע קאָלאָניעס. העלדישע פערטיידיגונג פון דער יודישער זעלבסטשוץ! בעת די געפעהרליכע אויפנאַהמען זענען אומגעקומען 2 פילם-אָפּעראַטאָרען.

דאָס לעבען פון די יודען און אַראַבער

אין מצרים און ארץ-ישראל! —



די שחיטה ביי דער כותל-מערבי

די וואונדערבאַרע נאַטור און היסטאָרישע ערטער אין די ביידע לענדער!

גראַנדיעזע יודישע אויפבוי אַרבייט!

ווער וועט אַדורכלאָזען די געלעגענהייט

צו זעהען די היסטאָרישע מאָמענטען?

דאָס דאָזיגע גראַנדיעזע בילד ווערט דעמאָנסטרירט

אין די קינא-טעאַטערס

„טשאַרי" און „קאָרסאָ"

בעמ.: אילוסטראַציע פון גרויסען קינאָגען-כאָר אונטער דער לייטונג פון דיר. מ. דראַגאָזשאַנסקי.

אנהויב 2 נ. מ. שבת און זונטאַג 12 נ. מ.

